


## וצויתי את ברכתי בשנה הששי"ת

# פרישע אויסברייטונגען אין די מוסדות ברענגט ברייטערע שטיצע צום דינער השנתי כ"א כסלו

**מעלין בקודש: נייער מנהל רוחני, נייע כלי קודש, נייע בתי מדרשים, נייער עס זאל, נייע כיתות, מעכטיגע בנינים-רענאוואציעס א.א.וו. פארלאנגט העכערונג אין דינער-נתינות – פייערליכע צוגרייטונגען צום כינוס השנתי קאמבאנירט מיט סיום מס' פסחים אין חבורת "יסודי התורה" ווערן פארענדיגט אין יעצטיגע טעג**




וויליאמסבורג. – פונעם צענטראלן אפיס פון די מוסדות ווערט געמאלדן, אז אין די לעצטע דריי וואכן זינט די עסקנים חשובים האבן אנגעהויבן ארומגיין קלאפן על פתחי נדיבים צום גאנצן סאטמארן ציבור, אויפצוטרייבן גרויסע נדבות אין בעפארברייטונג צום דינער השנתי כ"א כסלו הבעל"ט, דערקענט זיך הײ-יאר א גאר ברייטע ווארימקייט ביים ציבור חסידי סאטמאר, און א ריזן ציבור שליסט זיך אן מיט גאר ברייטע באשטייערונגען, צו זיין א שותף אין די צענדליגער טויזנטער שעות לימוד התורה וחינוך הבנים פון תשב"ר על טהרת הקודש.

אין אלע פליגלען פון די מוסדות ווערט אנגעצייגט אויף דעם פענעמענאלן וואוקס בליעה"ר, מיט פילע הונדערטער פרישע קינדער יעדעס יאר; אין אלע אפטיילונגען וואקסט דער צאל כיתות און קלאסן, וואס מאכט דעם מוסד פאר א 100% פראצענטיגן וואוקס בליעה"ר, און ועל כולם איז דער פאקט דערפרייענד אז דער סטאנדארט פון די מוסדות שטייט אויפן העכסטן שטאפל, פון ערליכע משפחות וועלכע זוכן אז די קינדער זאלן אריינקומען אין די הייליגע מוסדות צו באקומען דעם ריינעם ערליכן חינוך, שמן זית זך, דער חינוך הטהור מיסודו פון מרן רבינו הקדוש זי"ע בלי שום שינוי זוז כל שהוא.

הײ-יאר תשע"ב ווערט אפגעצייכנט שוין דער זעקסטער יאר זינט די מוסדות הקדושים זענען נתחדש געווארן אונטער די נשיאות הקודש פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, און ס'איז א תענוג דקדושה מיצוהאלטן דעם ברייטן וואוקס בכמות ובאיכות פון אלע פליגלען פון די מוסדות, אזוי ווייט אז דער יעצטיגער ווינטער תשע"ב

פארזעצונג אויף זייט ח ◄◄



וואָס זענען געהערט געוואָרן
**במשך שבת קודש פרשת לך לך העעל"ט**
אַלס הכנה צו די צענטראַלע אַקציע להחזקת מוסדותינו הק'

זייט ב

## דרשת

### הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו

אַדמיניסטראַטאָר מוסדות סאַטמאַר-וויליאַמסבורג

**ביים מעמד למען דורתינו**

ג' פרשת שופטים, אול"י בדר"ח אלול

זייט ג

# תוכן הדרשה



וואָס זענען געהערט געוואָרן

## במשך שבת קודש פרשת לך לך העעל"ט

אַלס הכנה צו די צענטראַלע אַקציע להחזקת מוסדותינו הק'

## ביהמ"ד הגדול

### הרה"ג רבי מיכל ניימאן שליט"א

ר"מ ישיבת היכל התורה

### ליל שבת קודש

מורי ורבותי. בשם די חברי הנהלה פון די הייליגע מוסדות נעם איך דעם רשות הדיבור, אַרויסצוברענגען עטליכע רעיונות איבער אונזערע מוסדות דאָהי אין וויליאַמסבורג, וואָס מ'גרייט זיך איצט אָנצוהייבן די יערליכע אַקציע לטובת המוסדות, וואָס איז באַשטימט אויפ'ן טאָג כ"א כסלו.

אַז מ'כאַפּט א בליק אויף די הייליגע מוסדות זעט מען בחוש א געוואַלדיגע נקודה. די מוסדות הק' זענען נתייסד געוואָרן איבער זעכציג יאָר צוריק דורכ'ן הייליגן רבי'ן זי"ע. מיט פינף יאָר צוריק איז עס צוריק נתחדש געוואָרן דורכ'ן רבי'ן זאָל זיין געזונט, וואָס ווער עס האַלט אַביסל מיט די אַנטוויקלונג זעט קלאָר אַז די הצלחה איז ממש חוץ לדרך הטבע.

מ'זעט די וואָך אין רש"י, דער פּסוק זאָגט דאָרט ביי אברהם אבינו אַז "ויוצא אותו החוצה ויאמר הבט נא השמימה וספור הכוכבים וכו' ויאמר לו כה יהי' זרעך". ברענגט רש"י אויפ'ן פלאַץ, וואָס הייסט ויוצא אותו החוצה? "דבר אחר, הוציאו חוץ מחללו של עולם והגביהו למעלה מהכוכבים" וואָס הייסט "הוציאו מחללו של עולם" דער אויבערשטער האָט אים אויפגעהויבן העכער די טבע, העכער דעם סדר העולם, און אויף דעם האָט דער אויבערשטער אים מבטיח געווען "כה יהי' זרעך" אויך ביי די שפּעטערדיגע דורות וועט זיין אַזוי, ביי די תשב"ר וועט עס זיין חוץ לדרך הטבע.

**וועז א גבאי צדקה קומט אַריין אין שטוב דאַרף מען אים אויפנעמען מיט א חשיבות, מיט אַן הערצה. ובפרט ביי אונזערע מוסדות וואָס א גרויסער טייל פון די גבאי צדקה זענען גאָר מלמדי תשב"ר.**

לענינינו גרייט מען זיך איצט צום גרויסן טאָג כ"א כסלו ווען עס וועט אָפּגעראָכטן ווערן די גרויסע אַקציע לטובת די הייליגע מוסדות. איז כדאי צו געדענקן די גמרא אין מסכת בבא בתרא דף ח' ע"א, וואָס די גמרא ברענגט דעם פּסוק "ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד" זאָגט די גמרא, וואָס איז דאָס "ומצדיקי הרבים" עס גייט אַרויף אויף די "גבאי צדקה" וואָס זיי זענען ככוכבים לעולם. מ'זעט פון דעם אַז די גבאי צדקה זענען ח"ו נישט סתם אַזוי קיין שנאָרערס. מ'רעדט דאָ פון אידן וואָס זענען "מצדיקי הרבים" וואָס זייער שכר איז עד אין קץ. נאָך א פּשט זאָגט דאָרט די גמרא "במתניתא תנא" אַז ומצדיקי הרבים מיינט "אלו מלמדי תינוקות" די וואָס לערנען און געבן זיך אָפּ מחנך צו זיי די קינדער, וואָס "והם ככוכבים לעולם ועד".

דער פּסוק זאָגט "הבט נא השמימה וספור את הכוכבים" כאַפּ א בליק אויף די כוכבים, סיי אויף די גבאי צדקה, און סיי אויף די מלמדים וואָסביידע זענען צוגעגליכן צו די כוכבים. זאָגט דער פּסוק ווייטער "וספור" צייל אָפּ די כוכבים. קען זיין די כוונה דערפון. ס'איז ידוע וואָס חז"ל זאָגן אַז "דבר שבמנין לא בטל". א זאַך וואָס מ'ציילט קען נישט בטל ווערן, ווייל מיט דעם וואָס מ'ציילט עס צייגט מען אַז עס האָט א חשיבות, און עס קען קיינמאָל נישט

פארזעצונג אויף זייט ג



בטל ווערן. זאָגט אונז די תורה "וספור את הכוכבים" די כוכבים וואָס איז מרמז אויף די גבאי צדקה און אויף די מלמדים, זיי דאַרפסטו ציילן, מ'דאַרף דאָס האַלטן חשוב ווי א דבר שבמנין וואָס מ'קען נישט מבטל זיין.

ווען א גבאי צדקה קומט אַריין אין שטוב דאַרף מען אים אויפנעמען מיט א חשיבות, מיט אַן הערצה. ובפרט ביי אונזערע מוסדות וואָס א גרויסער טייל פון די גבאי צדקה זענען גאָר מלמדי תשב"ר. די מלמדים זענען דאָך די וואָס האַלטן פערזענליך מיט די הצלחה פון די מוסדות, און דערפאַר האָבן זיי אַליינס זיך אונטערגענומען צו זיין "גבאי צדקה" לטובת מוסדות, זאָגט דער פסוק אַן "וספור את

**אַז א קינד זעט ווי זיין טאַטע געט זיך אַוועק, און איז גרייט צו שטיצן די מוסדות מיט גרעסערע סכומים, דאָס צייגט אים אַז די מוסדות איז די חשוב'סטע זאַך וואָס איז דאָ ביי זיין טאַטן, און ער איז גרייט מקבל צו זיין וואָס מ'לייגט אַריין אין אים אין די תלמוד תורה.**

הכוכבים" האַלט זיי חשוב, נעם זיי אויף מיט א סבר פנים יפות, און זעה אַז ער זאָל אַרויסגיין צופרידן מיט א שיינעם סכום.

דער פסוק איז ממשיך מיט מורא'דיגע ווערטער. דער פסוק פירט אויס "ויאמר לו כה יהי' זרעך". עס קען זיין דער המשך לויט ווי מ'האָמיר פריער גערעדט. יעדער טאַטע וויל מחנך זיין זיינע קינדער אויפ'ן ערליכן וועג, און האָפט צו זען פון אים אַסאַך אידיש נחת. דאַרף מען וויסן און געדענקן, אַז מיט דעם וואָס מ'שטרענגט זיך אָן, און מ'נעמט זיך אונטער צו שטיצן די מוסדות, דאָס אַליינס איז דער גרעסטער חינוך פאַר די קידער. אַז א קינד זעט ווי זיין טאַטע געט זיך אַוועק, און איז גרייט צו שטיצן די מוסדות מיט גרעסערע סכומים, דאָס צייגט אים אַז די מוסדות איז די חשוב'סטע זאַך וואָס איז דאָ ביי זיין טאַטן, און ער איז גרייט מקבל צו זיין וואָס מ'לייגט אַריין אין אים אין די תלמוד תורה.

דאָס קען זיין פשט. נאָכדעם וואָס דער פסוק זאָגט "וספור את הכוכבים" אַז מ'דאַרף די כוכבים, די מצדיקי הרבים, די גבאי צדקה דאַרף מען חשוב האַלטן אַזוי ווי א דבר שבמנין, איז די תורה ממשיך "כה" יהי' זרעך, לויט וויפיל כוחות דו וועסט אַריינלייגן, און לויט וויפיל דו וועסט זיך אַוועקגעבן מחשיב צו זיין די גבאי קודש און צו שטיצן די הייליגע מוסדות, אַזויפיל קען מען האָפן אַז די קינדער וועלן מצליח זיין צו שטייגן אין תורה ויראת שמים.




דער פסוק זאָגט דאָרט ווייטער "והאמין בה' ויחשבה לו צדקה" שטייט אין הייליגן בני ישׂשכר, אַז דאָס ענין פון געבן צדקה איז באמת למעלה מדרך הטבע. די טבע איז דאך, אַז ווען א מענטש געט אַוועק געלט פון זיין אייגן פאַרמעגן, ווערט דאָס פאַרמינערט פון אים און ער בלייבט מיט וויניגער. ביי צדקה איז אָבער נישט אַזוי. עס איז גאַנץ אַנדערש ווי די געוועונליכע טבע. מ'זעט דער פסוק זאָגט ביי צדקה "ובחנוני נא בזאת וכו' אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די" וואָס די גמרא זאָגט דאָך אַז דאָס מיינט "עד שיבלו שפתותינו מלומר די". ס'איז ממש מן ההיפך אל ההיפך. נישט נאָר אַז מ'בלייבט נישט מיט וויניגער, נאָר עס קומט נאָך גאָר צו א געוואַלדיגע ברכה פון השפעות מרובות.

דאָס איז דער פסוק מרמז. "והאמין בה'" אַז מ'האָט אמונה און מ'גלייבט אַז דאָס וואָס מ'זעט בחוש אין די הייליגע מוסדות איז ממש נסים חוץ לדרך הטבע, א הצלחה וואָס מיט'ן מענטשליכן שכל פאַרשטייט מען דאָס נישט, דאַרף מען בהכרח אויך גלייבן אַז א איד קען און דאַרף געבן צדקה פאַר די מוסדות, און זיך גאָרנישט זאָרגן אַז עס וועט פון אים פעלן, ווייל אַז מ'געט צדקה איז מען למעלה מדרך הטבע, און מ'באַקומט צוריק השפעות פיל פיל מער פון וופיל מ'האָט געגעבן. דאָס איז פשט פון "ויחשבה לו צדקה" פון די אמונה וואָס מ'האָט דאַרף מען צוקומען צו די הכרה אַז צדקה דאַרף מען געבן בלי גבול, ווייל אַלעס קומט צוריק למעלה מדרך הטבע.

**יעדער זאָל זיך איינקויפן א קנין נאָר אויף א טאָג, א "קנין ליום" אינעם מפעל חד יומא וואָס מ'קען אָפקויפן אין די הייליגע מוסדות**

מ'גרייט זיך איצט צום דינער. די הנהלה איז אָנגעוויזן אויף גאָר גרויסע געלטער, און עס זענען דאָ אַסאַך וואָס טראַכטן אפשר, איצט קען מען נישט געבן. דער מצב איז שווער וכדומה. דאַרף מען געדענקן און האַלטן פאַר די אויגן, אַז פאַר מוסדות וואָס פירן זיך חוץ לדרך הטבע, דאַרף מען געבן חוץ לדרך הטבע, און זיך נישט זאָרגן אויפ'ן עתיד, און דער שכר דערצו איז זייער גרויס וואו דער פסוק זאָגט צו והריקותי לכם ברכה עד בלי די.

זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז יעדער זאָל טאַקע געהאָלפן ווערן בכל משאלות לבו לטובה, און בקרוב זאָלן מיר זוכה זיין צו גיין קעגן גואל צדק בב"א.

## ביהמ"ד ברון משה

## הגה"צ רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א

רב הביהמ"ד וראה"כ דכוללינו

**בשעת שלש סעודות**

.... ס'איז דאָ א באַקאַנטע "שיטת רבינו אביגדור" (מרבינו אביגדור כהן צדק) אַז "קנין לשעה הוי קנין". אפילו מ'קויפט א זאַך נאָר אויף א שטיק צייט, הייסט עס אויך א קנין. האָב איך אַמאָל געהערט טייטשן דערמיט דעם פסוק "שמח זבולון בצאתך ויששכר באהלך". ס'איז דאָך באַקאַנט אַז דער פסוק גייט אַרויף אויף דעם שותפות פון יששכר וזבולון. טייטשט מען אַז די כוונה איז, אַז ווען זבולון גייט אַרויס צו די אַרבעט, ער טוט אין די געשעפטן, אויב אָבער האָט ער א שותפות מיט יששכר וואָס זיצט און לערנט, הייסט דאָס אויך ווי ער אַליינס זיצט און לערנט א גאַנצן טאָג. הגם ס'איז דאָך נאָר א "קנין לשעה" ער האָט נאָר א חלק אין זיין תורה, הייסט דאָס אָבער א געהעריגער קנין, און ער האָט אַלע זכותים פונקט ווי ער האָט דערין א קנין אויף א גאַנצן טאָג.

ס'קען זיין בדרך צחות, מ'האָמיר דערמאַנט דעם "שיטת רבינו אביגדור" זיצט יעצט דאָ מיט אונז דער חשוב'ער חבר הנהלה ר' אביגדור פרענקל, וואָס ער האַלט זיכער אַז "קנין לשעה הוי קנין"... ער קומט דאָ מעורר זיין דעם ציבור, אַז יעדער זאָל זיך איינקויפן א קנין נאָר אויף א טאָג, א "קנין ליום" אינעם מפעל חד יומא וואָס מ'קען אָפקויפן אין די הייליגע מוסדות, וואָס דאָס איז זיכער אַז "הוי קנין" מיט דעם קויפט מען זיך איין געוואַלדיגע זכותים, און מ'פאַרזיכערט זיך דערמיט אַז די אייגענע קנינים, די טייערע קינדער שטייגן אויס ערליך און אָפגעהיטן.

פאַרזעצונג אויף זייט ד ◂◂

# בביהמ"ד ויואל משה
## ליל שב"ק

# בביהמ"ד איחוד התלמידים
## אצל שלש סעודות

### הרה"ח ר' שמואל דוד הכהן מאשקאוויטש שליט"א
מלמד מומחה במוסדותינו הק'

מורי ורבותי. נישט אַז איך בין ראוי צו רעדן צו אַזאַ חשוב'ן ציבור. אָבער איך רעדט דאָך נישט פון מיר אַליינס. איך רעדט דאָך אין שליחות פון די חברי הנהלה וואָס אַרבעטן מער ווי געטריי לטובת המוסדות, דעריבער נעם איך רשות צו זאָגן עטליכע ווערטער.

איך זאָג אַז די הנהלה אַרבעט מער ווי געטריי. דאָס זאָג איך נישט סתם א מליצה. איך אַליינס בין עדות דערויף. דורכאויס די גאַנצע צייט זינט מ'האָט פריש מייסד געווען די מוסדות, קען איך מעיד זיין אַז מ'האָט ב"ה ממש נאָך קיינמאָל נישט געשפעטיגט מיט'ן צאָלן געהאַלט. יעדן צווייטן דאָנערשטאָג צאָלט מען ערליך, און אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אַז דאָנערשטאָג איז א יום טוב-טאָג וכדומה, שטרענגט מען זיך אָן און מ'צאָלט פריער אין די וואָך, ווי איידער צו שפעטיגן.

כ'וועל זאָגן נאָך מער. לעצטענס האָט זיך געמאַכט צוויי מאָל, וואָס עס איז געווען פאַרשידענע סיבות, און די הנהלה האָט געזען אַז עס וועט אויסקומען מ'וועט דאַרפן צאָלן א טאָג שפעטער, מ'וועט געבן דאָס געהאַלט ערשט פרייטאָג אַנשטאָט דאָנערשטאָג. די הנהלה האָט מקדים געווען. מ'האָט דאָס מודיע געווען פאַר די מלמדים, און מ'האָט יעדן געזאָגט אַז דאָס געהאַלט וועט קומען א טאָג שפעטער. ב"ה, יעדער איז געווען רואיג, און יעדער האָט געוואוסט אַז אויב די הנהלה זאָגט וועט מען עס טאַקע באַקומען יענעם טאָג.

למעשה אָבער האָט עס נישט פּאַסירט... טראַך וואָס די הנהלה האָט געוואוסט אַז יעדער איז רואיג, האָט די הנהלה זיך אָנגעשטרענגט, און נאָך יענעם דאָנערשטאָג האָט די הנהלה אַריבערגעשיקט דאָס געהאַלט. מ'האָט זיך ווייטער געהאַלטן צו די פּאָליסי, און מ'האָט נישט געשפעטיגט.

## קען איך מעיד זיין אַז מ'האָט ב"ה נאָך קיינמאָל נישט געשפעטיגט מיט'ן צאָלן געהאַלט. יעדן צווייטן דאָנערשטאָג צאָלט מען ערליך

די מלמדים, די מחנכים און אַלע איינגעשטעלטע, יעדער האַלט מיט און יעדער זעט ווי ווייט עס גייט פאַר די הנהלה אין לעבן אַריין אַז מ'זאָל באַצאָלן צייטלעך, וואָס דאָס מאַכט א שטאַרקן רושם. עס ברענגט בפירוש הרחבת הדעת, און אַזוי איז מען ב"ה מצליח אין אַלע הינזיכטן.

און דאָס אַלעס איז אין א צייט וואָס די הנהלה קען זיך זייער גרינג אַרויסדרייען פון צאָלן צייטלעך... יעדער ווייסט, די הנהלה איז ב"ה אָנגעשטרענגט מיט אַרבעט. אין די צייט וואָס אַנדערע מוסדות האָבן קיינמאָל נישט געהאַט, אָדער האָבן שוין לאַנג אויסגעצאָלט די מארגעדזשעס אויף די בנינים, מוטשעט מען זיך ביי אונז איבער די כחות, און מ'הערט נישט אויף צו אַרבעטן ביטער שווער, נאָר אויף צאָלן די מארגעדזש-פּעימענטס. בנוסף לזה איז היי-יאָר צוגעקומען דאָס וואָס מ'האָט אַזויפיל צוגעבויט און צוגעלייגט. מ'האָט אַזויפיל הוצאות צוגעלייגט ממש וויפיל עס איז דער חשבון פון א גאַנצער מוסד פאַר זיך אַליינס! אַזויפיל נייע חדרים, צוויי נייע עסזאַלן, א ביהמ"ד און נאָך, ממש א נייער מ וסד.

אויך האָט מען אויפגענומען א נייעם מנהל, מיט אַלעם וואָס דאָס מיינט, נאָך פרישע איינגעשטעלטע וכדומה, אַלעס אַלעס וואָס פעלט זיך אויס פאַר'ן תכלית פון די קינדער ווערט צוגעשטעלט אָן בסבר פנים יפות.

## מ'זעט פון דעם אַלעם דעם שטאַרקן רצון וואָס די הנהלה האָט צו העלפן די איינגעשטעלטע און מוסד, און יעדער קען פון דעם פאַרשטיין מיט וואָס פאַר א רצון עס אַרבעטן אַלע איינגעשטעלטע אין די מוסדות

ועל כולם קען איך דערציילן אַביסל וואָס דער עולם ווייסט אפשר נישט. ממש איצט אָנהייב יאָר האָט די הנהלה איבערראַשט די מלמדים, און מ'האָט יעדן געשאנקן א באַדייטענדע הוספה צום געהאַלט. מ'האַלט אין איין צולייגן, און דאָס האָט מען אויך מוסיף געווען... מ'האָט נישט סתם מוסיף געווען אויפ'ן געהאַלט, מ'האָט מוסיף געווען הרחבת הדעת, שעצונג און מוט צו קענען אָנגיין מיט די אַרבעט.

איין זאַך וואָס מ'האָט נישט מוסיף געווען... און כ'וועל עס מסביר זיין מיט מעשה וואָס איך האָב אַליינס בייגעוואוינט. איך געדענק איינמאָל וואָס איך בין געפאָרן קיין אַנטווערפּן. עס איז דעמאָלט געווען דער אָנהייב פון די שוואַכע יאָרן ביים פשעוואָרסקער רבי'ן רבי יאַנקעלע זצוק"ל. הרב החסיד ר' זלמן בינער ז"ל, דער פיליעריגער מנהל ביי אונז אין די תלמוד תורה האָט מיך דעמאָלט געבעטן אַז איך קום קיין אַנטווערפּן זאָל איך איבערגעבן א גרוס פאַר'ן פשעוואָרסקער רבי'ן. (כידוע האָט געהערשט א ידידות כנה ונאמנה צווישן דעם פשעוואָרסקער רבי'ן זצ"ל און ר' זלמן בינער ז"ל.)

כ'האָב טאַקע אַזוי געטון. איך בין אַריינגעקומען און איך זאָג פאַר'ן פשעוואָרסקער רבי'ן, אַז איך האָב א גרוס פון ר' זלמן בינער. גלייך ווי ער הערט דעם נאָמען רופט ער זיך אָן: "אָה, ר' זלמן בינער. כ'האָב מיך דערמאָנט א מעשה פון אים". דערציילט ער מיר אַזוי: "ער איז געווען א מלמד דאָהי (אין אַנטווערפּן) פלעגט ער אַריינקומען צו מיר. האָב איך אים אַמאָל געפרעגט וויפיל קינדער האָסטו אין חדר. האָט ער מיר געזאָגט אַז ניינצן קינדער לערנען ביי אים."

דערציילט מיר ווייטער דער פשעוואָרסקער רבי: "נו, קען ער דאָך נישט שטיין בלייבן ביי דעם, האָב איך אים געזאָגט 'כן ירבו'. האָט ר' זלמן זיך גלייך אָנגערופן צו מיר און געזאָגט 'יאָ יאָ, כן ירבו פאַר יענעם, נישט פאַר מיר'..." (נישט קענענדיג נעמען אויף זיך אַן עול פון נאָך תלמידים.) האָט רבי יאַנקעלע אויסגעפירט "א קלוג וואָרט פון ר' זלמן".

דאָס וויל איך אַרויסברענגען. די הנהלה געט הוספות מען איז מוסיף מיט אַלעם, אָבער פון די אַנדערע זייט געט מען זייער אַכטונג נישט מוסיף צו זיין קיין תלמידים איבער די מאָס, און אַז יעדער מלמד זאָל האָבן נאָר א מינומים מספּר תלמידים, כדי מ'זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט יענעם איינעם מיט געטריישאַפט.

מ'זעט פון דעם אַלעם דעם שטאַרקן רצון וואָס די הנהלה האָט צו העלפן די איינגעשטעלטע און מוסד, און יעדער קען פון דעם פאַרשטיין מיט וואָס פאַר א רצון עס אַרבעטן אַלע איינגעשטעלטע אין די מוסדות, וואָס דאָס האָט א



געוואַלדיגע השפעה אויף די קינדער. אַזוי אַז די הנהלה איז ווערד אַז יעדער זאָל זיי קעגקומען און העלפן מיט א געוואַלדיגן רצון.

ובזכות זה וועט השי"ת ממלא זיין אונזער רצון לטובה, ביז מיר וועלן שוין בקרוב זוכה זיין צום בשובך לציון ברחמים וברצון, בביאת משיח צדקינו, אמן.

## בית מדרשינו סאַוט 8 סט.

**הרה"ח ר' נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א**

מרביץ תורה בכתה מכינה לישיבה קטנה

**ליל שב"ק**

ווי באַקאַנט שטייט אין ספרים הקדושים, אַז די תורה איז א נצחיות, יעדע פרשה פון די תורה איז נוגע אויף יעדן מצב און זמן עד סוף כל הדורות. לענינינו קען זיין אַזוי. מ'לייגט די וואָך אין די סדרה לך לך מארצך וממולדתך. מ'דאַרף נישט קיין גרויסע פירושים. אין די לעצטע פאָר יאָר האָבן מיר מקיים געווען דעם "לך לך" פשוטו כמשמעו, אָבער ב"ה ס'איז אויך מקוים געוואָרן דער "אל הארץ אשר אראך". ס'ווערט געברענגט אין ספרים הקדושים, אַז כנען איז מרומז אויף "הכנעה". דאָס האָבן מיר זוכה געווען מקיים צו זיין. מיר האָבן גענומען דעם וואַנדער-שטעקן אין די האַנט, מ'האָט איבערגעפרישט די מוסדות, און מ'איז געקומען קיין "ארץ כנען" כדי צו קענען זיך מכניע זיין פאַר'ן מנהיג. ס'איז נישט אָנגעקומען גרינג, אָבער ב"ה היינט זעט מען שוין די פירות לשם ולתפארת.

צום יעצטיגן מצב וואָס מ'שטיי מיר איז שוין זייער פאַסיג דאָס באַוואוסטע ווארט אויף רש"י די וואָך אין די סדרה. רש"י זאָגט "בחזרותיו פרע הקפותיו" ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון מצרים, האָט ער באַצאָלט זיינע חובות. האָבן צדיקים געטייטשט, אַז ווען אברהם אבינו איז אַראָפּ קיין מצרים האָט מען אים כסדר סעקירט. יעדער האָט אים געפרעגט "אברהם, דאָס איז דיין שכר?" די גוים האָבן אים געפרעגט און געמוטשעט "איה אלקיך" ער איז דאָך דורך זיינע שווערע נסיונות, הונגער און אָרימקייט, און מ'האָט אים כסדר געטשעפּעט, און בשעת מעשה האָט ער נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער איז שולדיג געבליבן א תירוץ. איצט ווען ער איז צוריקגעגאַנגען מיט אַזויפיל גוטס אין די האַנט, האָט ער שוין געהאַט וואָס צו ענטפערן. ער האָט יעדן געוויזן ווי אַזוי דער אויבערשטער האָט אים געהאָלפן.

פארזעצונג אויף זייט יא ◄◄

ב"ה

# מודעה

מיר ווילן מודיע זיין פאר די חשוב'ע יונגעלייט
**משנות תשס"ו – תש"ע**
וועלכע האבן זיך משתתף געווען ביים מעמד

# למען דורותינו

אויפצושטעלן א שטארקן פינאנציעלן
יסוד פאר אונזערע הייליגע מוסדות




אז די גורלות וואס וועט אויסגעצויגן ווערן
פאר יעדן יארגאנג באזונדער
**פאר א**

## אויסגעצאלטע חודש רענט

**וועט בעז"ה פארקומען**
**אין די נאנטע טעג**

די אלע וועלכע האבן זיך נישט באטייליגט ביים דינער און ווילן זיך נאך אנשליסן אין דעם למען דורותינו קאמפיין און גלייכצייטיג אריינגיין אין די ווערדפולע גורלות קענען זיך מעלדן צו העסקן ר' נתנאל ברוין הי"ו

**- פאלגט נאך ווייטערדיגע מודעות -**

# דרשת
## הרה"ח ר' מרדכי אלעזר הירש הי"ו

אַדמיניסטראַטאָר מוסדות סאַטמאַר-וויליאַמסבורג

**ביים מעמד למען דורתינו**

ג' פרשת שופטים, אול"י בדר"ח אלול

> אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל פיהם של תשב"ר
> (שבת קיט)

ברשות די חשוב'ע חברי הנהלה, ברשות דעם חשוב'ן נואם הכבוד וואָס האָט באַצויבערט דעם עולם מיט זיין דרשה, און ברשות אַלע חשוב'ע אינגעלייט וואָס זענען זיך צוזאַמגעקומען.

ס'איז באמת א פארגעניגן צו זען אַזאַ חשוב'ן ציבור, הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, אינגעלייט וואָס האָבן חתונה געהאַט די לעצטע פאָר יאָר, מ'רופט דאָס יאָרן וואָס מ'האָט נישט קיין ספעציעלע דאגות, אַלעס איז נאָך געביגעלט, מ'פאַרברענגט אינאיינעם. ס'איז נאָר א שאָד אַז ס'איז געוואָרן אַזוי שפּעט, דער עולם דאַרף שוין אַהיימגיין.

כ'וועל נישט מאריך זיין. איך וועל זאָגן נאָר א פּאָר קורצע ווערטער. איך וועל אָנהייבן מיט א מעשה אויף די סדרה פון פאָריגע וואָך פּרשת ראה.

כ'האָב געזען ברענגען א מעשה אויף א באַרימטן רבי אין פוילן. ער האָט אַמאָל באַזוכט אין שפּיטאָל ביי א גרויסן תלמיד חכם, און ס'איז געווען פּרשת ראה. מ'האָט גערעדט אין לערנען און ס'איז געווען דאָרט א חומש. האָט דער תלמיד חכם האָט געפרעגט, ער האָט א קשיא. ס'שטייט אין די סדרה "נתן תתן לו ואל ירע לבבך בתתך לו" זאָגט דער פּסוק זאָלסט געבן צדקה, פאַרוואָס? "כי לא יחדל אביון מקרב הארץ" ס'וועט דאָך אַלעמאָל זיין אָרימעלייט אויף דער וועלט "על כן אנכי מצוך לאמר" פאַר דעם באַפעל איך דיר "פתוח תפתח את ידך."

שטעלט זיך די קשיא. וואָס איז דער "לאמר"? אין חדר פלעגט דער רבי טייטשן "לאמר" אַזוי צו זאָגן. וידבר ה' אל משה לאמר טייטש אַז ער זאָל דאָס איבערזאָגן פאַר די אידן. וואָס איז דער "על אנכי מצוך 'לאמר'"? עס וואָלט געדאַרפט שטיין "על אנכי מצוך פתוח תפתח את ידך"?

האָט ער אים געזאָגט אַז עס איז דאָ אויף דעם א תירוץ פונעם רבי'ן ר' בונם פון פּרשיסחא. ער זאָגט אַזוי. ס'איז באַקאַנט אַז אויסער די מצוה פון צדקה איז דאָ די מצוה פון "והמפייסו" ווי די גמרא זאָגט אַז "המפייסו בי"א ברכות" מ'דאַרף זאָגן א גוט ווארט פאַר אַן עני און פאַר איינעם וואָס קומט נאָך געלט. נו, וואָס קען מען אים זאָגן א גוט ווארט? ער האָט זיך ארומגעשלעפּט אין די קעלט און אין די היצן צו שאַפן געלט, ער איז איצט ביי מיין טיר, מיט וואָס קען מען אים באַרואיגן?

נאָר די גמרא זאָגט אין מסכת שבת, אַז ביי צדקה שטייט א פּסוק "כי בגלל הדבר הזה" גלגל הוא שחוזר בעולם, אָרימקייט און רייכקייט איז א רעדל, אַמאָל איז עס ביי דעם אַמאָל ביי יענעם. דאַרף מען זאָגן פאַר דעם איד וואָס קומט נאָך געלט "על כן אנכי מצוך 'לאמר'" איך הייס דיר אַז דו זאָלסט זאָגן פאַר דעם איד, אַז "פתח תפתח את ידך" עס וועט נאָך קומען א צייט וואָס דו וועסט נאָך אויך קענען טיילן צדקה.

מ'רעדט דאָ צו אינגעלייט וואָס הייבן אַן זייער לעבן. יעדער האָט חשבונות, רענט וועל איך נעמען פון דאָ, יוטילעטיס מיין ווייב אַרבעט, מ'האָט חשבונות, קודם וועל איך קויפן אינשורענס, נאָכדעם וועל איך אינוועסטירן. מ'קומט נאָך געלט, ובפרט פאַר די מוסדות, טראַכט מען וואָס האָט דאָס מיט מיר. כ'האָב נאָכנישט קיין קינדער דאָרט.

דאַרף מען געדענקן "פתח תפתח את ידך" ס'איז ראש חודש אלול. אלול איז ר"ת א'ני ל'דודי ו'דודי ל'י. אַז מ'געט וועט מען קענען טיילן, אַז עס וועט זיין "נתן תתן" וועט נאָכדעם זיין "פתוח תפתח את ידך" ובפרט פאַר די הייליגע מוסדות, וואָס אין די מוסדות וועלן אי"ה נתחנך ווערן ענקערע קינדער, אין די מוסדות וועלן ענקערע קינדער לערנען א"ב, חומש רש"י, משניות, גמרא-תוספות און וואַקסן לשם ולתפארת, דער מוסד איז "למען דורותינו" פאַר'ן עתיד פון אונזערע קינדער און אייניקלעך.

איך וועל נישט מאריך זיין, איך וועל נאָר ארויסברענגען א פאר נקודות, פאַקטן פון די מוסדות.

### צוויי נייע מוסדות יערליך

דאָס ערשטע, ס'איז יעדן באַקאַנט די מוסדות שטייען אויפ'ן העכסטן און שענסטן פאַרנעם, מ'כאַפּט אָבער נישט אַז יעדעס יאָר קומען צו צום מוסד, מער קינדער ווי אַן אַנדערע קליינע מוסד האָט אינגאַנצן. אַן אַנדערע מוסד האָט - לאָמיר זאָגן אַז זיי זענע שטאַרק מצליח - און זיי האָבן אַלע קלאַסן, פון פרי-נוירסערי ביז כתה ט', ס'איז דאָ 12 קלאַסן, לאָמיר זאָגן אַז זיי זענען מצליח און זיי האָבן פולע קלאַסן, זיי האָבן 25 קינדער אין יעדע קלאַס, איז דאָס 12 מאָל 25 איז 300 קינדער. ביי אונז קומט אַריין בליעה"ר יעדעס יאָר טאָפּעלט פון דעם. צוויי מאָל דריי הונדערט קינדער!

דאָס הייסט אַז צווישן די אינגלעך און די מיידלעך איז דאָ טאָפּעלט פון דעם, יעדעס יאָר עפענט מען בליעה"ר צוויי פרישע מוסדות!

און וואו זאָל מען לייגן די קינדער? האָט מען דעם זומער אריינגעבאכעט אין די בנינים, אינוועסטירט אין די בנינים נאָנט צו "צוויי מיליאָן דאָלאַר" אָנצופילן די בנינים מיט נייע קלאַסן, ביי די אינגלעך ביי די מיידלעך, ס'איז שוין עד אפס מקום, אַלעס אַז מ'זאָל קענען דורכשטופּן נאָך א יאָר.

אונז האָמיר נישט קיין ברירה, מ'מוז קויפן נאָך בנינים, און טאַקע וועגן דעם דאַרף מען ספּעציעל איצט מער די הילף פון די אינגעלייט.

די גאַנצע רענאָוואַציע וואָס מ'האָט איצט אַריינגעלייגט אין די מוסד, דאָס האָמיר געטון פאַר ענק אינגעלייט, מ'האָט דאָס אָנגעגרייט פאַר ענקערע פרישע קינדער וואָס וועלן אַריינקומען אינעם מוסד היי-יאָר און אין די קומענדיגע יאָרן, את אשר ישנו פה און וואָס וועט אי"ה נאָכקומען בעזר ה'.

### דער צוקונפט פון די קהלה

נאָך א נקודה וואָס איך וויל זאָגן פאַר די אינגעלייט. אין דעם דערמאַנטן פּסוק איז דאָ נאָך א פּאָר ווערטער. עס שטייט "ואל ירע לבבך בתתך לו". א אינגערמאַן קען זיך טראַכטן - ווי דער יו"ר האָט פריער געזאָגט - ווער בין איך? א אינגערמאנטשיקל, וואָס וועט שוין מיין נדבה העלפן?

זאָלן די אינגעלייט וויסן, עטס זענטס דער עתיד פון די מוסדות, עטס זענסט דער עתיד פון די קהלה, פונעם ציבור תלמידים וחסידים פון רבינו שליט"א.

איך מיין מ'קען רואיג זאָגן, אַז אין די פינף

יאָרגענג פון אינגעלייט איז דאָ וואָס ווען אויסוואַקסן פון די רבנים, דיינים, מלמדים, מגידי שיעור פאַר'ן עתיד פון אונזערע קינדער. און אין די זעלבע צייט בין איך זיכער אַז צווישן די אינגעלייט וועלן זיין די צוקונפטיגע נדבנים, נגידים וואָס וועלן מנדב זיין בנינים פאַר'ן מוסד, וואָס וועלן מנדב זיין גרויסע געלטער פאַר די מוסדות אין די קומענדיגע יאָרן. איך וואָלט מיך אפשר געטרויעט צו זאָגן אַז צווישן די אינגעלייט זענען זיכער דאָ, ספּעציעל צווישן די עסקנים, די צוקונפטיגע חברי הנהלה פון די מוסדות.

## פּראָגראַמען דעקט ווייט נישט

נאָך א נקודה וואָס איך וויל ארויסברענגען. ס'מאַכט זיך אַז מ'גייט נאָך געלט פאַר די מוסדות, און די אינגעלייט, מ'געט א וואַרף א ווערטל, די ישיבה האָט דאָך פּראָגראַמען, וואָס דאַרף מען האָבן געלט, וואָס דאַרף מען האָבן פאָנדרעיזינג?

אמת די ישיבה האָט פּראָגראַמען. אָן די פּראָגראַמען וואָלט מען נישט געקענט עקזיסטירן. די פּראָגראַמען דעקן אָבער נאָר א חלק פונעם מוסד. טראַכטס א מינוט אַריין. אין פלעטבוש, אין גרעיטנעק, און טיענעק, אין מאַנהעטן איז דאָ צענדליגער מוסדות, היימישע מוסדות. נישט קיין סאַטמאַרער מוסדות, נישט חסידישע, אָבער אידישע מוסדות. דאָרטן צאָלט מען 12,000$ שכר לימוד א יאָר! און מ'דאַרף דאָס באַצאָלן אָפּ-פראָנט. זיי האָבן לאָנטש-פּראָגראַם, זיי האָבן וואַוטשערס, זיי האָבן אַלעס וואָס מ'קען נאָר האָבן פון די שטאָט, אַלעס האָבן זיי. פאַרוואָס דאַרף מען בעטן אַזאַ גרויסן שכר לימוד? ווייל עס דעקט נישט. די אַלע שטאָטישע פּראָגראַמען דעקן נישט אַלעס. מיט אַלע הוצאות פון בנינים וואָס מ'דאַרף אויפשטעלן, קאָסט פאַר'ן מוסד 12,000$ א קינד.

אונז קען מיר נאָר נישט בעטן אַזוי סאַך. זיי קענען בעטן ווייל זיי גייט נישט אָן. האָסט נישט דאָס געלט, זאָל דיין קינד גיין ערגעץ אַנדערש. אָבער דאָ האָט דער רבי מייסד געווען דעם מוסד פאַר אַלע אנשי שלומינו, קען מען נישט בעטן די הויכע פרייזן. איז ווען איינער זאָגט א תירוץ "פּראָגראַמען" איז דאָס נישט קיין תירוץ, ס'איז נאָר ווייל מ'וויל זיך אַרויסדרייען. אָבער באמת דאַרף מען אָנקומען צום הילף פונעם גאַנצן ציבור צו קענען אָנגיין ווייטער.

## הכרת הטוב דאַרף זיין דאָס ערשטע

איך וויל אין איין מינוט ארויסברענגען הכרת הטוב פאַר די עסקנים, ר' שלמה דוב ווידער און ר' נתנאל ברוין, און פאַר'ן פרישן יונגער עסקן ר' משה יוסף מיטעלמאַן וועלכער איז געווען שטאַרק אינטסרימענטאל אַז דער מעמד זאָל צושטאַנד קומען.

איך וועל ענדיגן מיט א קליינע נקודה. דער נואם הכבוד שליט"א האָט דערמאַנט, אַז דער צירוף פון חודש אלול איז וצדק'ה תהי' לנ'ו. קען זיין אַז מ'קען דאָס אַביסל משלב זיין דאָ. עפּעס איז דאָס מרמז פאַר אונז דאָ היינט נאַכט.

עס איז געוואָרן איינגעפירט, איך קען נישט זאָגן אַז ס'איז שלא ביושר, ווייל מ'דאַרף יעדן העלפן און מ'דאַרף יעדן שטיצן, אָבער דאָס איז דער מציאות, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע וואָס וויל מאַכן א גרינגן דאָלאַר, קלאַפּט אָן ביי די יונגע אינגעלייט, מ'לייגט זיך אַרויף אויף די אינגעלייט וואָס האָבן נישט קיין שווערע הוצאות אין שטוב, און מ'לייגט זיך אָן מיט הבטחות, מ'פארפליכט זיך אויף א לאַנגע צייט, און מ'לייגט זיך אַרויף.

מ'דאַרף יעדן העלפן, ס'איז אמת. אָבער ס'איז דאָ א שיין ווארט וואָס כ'האָב אַמאָל געהערט פון אַן אדם גדול.



ביי די הויכע שמנה עשרה זעט מען, ביי אַלע ברכות זאָגט נאָר דער בעל תפלה די ברכה, און דער גאַנצער עולם זאָגט "אמן" אויסער ווען עס קומט צו מודים שטעלט זיך יעדער אויף, יעדער ביקט זיך און יעדער זאָגט אַליינס "מודים אנחנו לך". די סיבה איז, ווייל ווען עס קומט צו הודאה, ווען עס קומט צו הכרת הטוב איז נישט גענוג אַז מ'זאָגט בלויז אמן. מ'קען דאָס נישט אויסהערן פון א צווייטן, מ'איז נישט יוצא מיט די מינומים. מ'דאַרף אַליינס זאָגן מודים אנחנו לך.

מורי ורבותי. די אַלע אינגעלייט וואָס זיצן דאָ זענען שוין אויפגעוואַקסן און חתונה געהאַט אין די שנות השובע אין די זאַטע יאָרן תחת דגלו והדרכתו פון כ"ק רבינו שליט"א. די שווערע יאָרן וואָס מ'האָט מיגטעמאכט פאַר דעם האָט מען נאָר געהערט מפּי השמיעה. אין די לעצטע יאָרן האָבן די חברי הנהלת המוסדות אַסאַך געשוויצט פאַר'ן צוקונפט פון אונזער קהלה, אַסאַך בלוט געגעבן פאַר'ן עתיד פון אונזערע מוסדות און פון אונזער ציבור אין וויליאַמסבורג.

ממילא זענען מיר שולדיג א שטאַרקן הכרת הטוב פאַר די געטרייע חברי הנהלה דאָ אין וויליאַמסבורג. אמת טאַקע, ס'איז דאָ אַסאַך וויכטיגע צוועקן וואָס מ'דאַרף אַרויסהעלפן, אַמאָל פאַר "רפאינו" קראַנקע אידן זאָלן קענען האָבן א רפואה; אַמאָל פאַר "ברך עלינו" אידן זאָלן געבענטשט ווערן מיט קינדער; אַמאָל פאַר "ולירושלים עירך" פאַר א ירושלים'ער איד אָדער פאַר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות; אַמאָל פאַר "ועל הצדיקים" אָדער אַמאָל קעגן "ולמלשינים"... אַלעס איז וויכטיג, אָבער דאָס וויכטיגסטע איז "מודים אנחנו לך".

מ'דאַרף מיר אַרויסווייזן אַן הכרת הטוב פאַר די געטרייע חברי הנהלה, מ'דאַרף מיר אַרויסווייזן אַן הכרת הטוב פאַר רבינו שליט"א וואָס ראשו ורובו ליגט אים אין די הייליגע מוסדות, און ס'איז אים נוגע יעדן פּרט פון די הצלחה פון די מוסדות. און דאָס איז דער פליכט פון יעדן אינגערמאַן.

קען זיין אַז דאָס איז מרומז אינעם צירוף "וצדקה תהי' לנו" די צדקה וואָס א איד קען זיך ערפארדן קומט זיך פאַר אונז, פאַר'ן מוסד, די אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס איז מען מתפּלל און מ'וויל אַז מ'זאָל דאָס נישט דאַרפן. מ'איז מתפּלל אַז אידישע קינדער זאָלן האָבן קינדער, יעדער זאָל זיין געזונט, מ'זאָל נישט דאַרפן קיין געלט פאַר דעם, אידן זאָלן האָבן מכל טוב וטוב, מ'זאָל נישט דאַרפן גיין פאַר קראַנקע אידן נאָך געלט. דעם מוסד אָבער וויל מען אַז עס זאָל וואַקסן. מ'וויל אַז מ'זאָל דאַרפן נאָך געלט, מ'וויל אַז מ'זאָל דאַרפן קויפן נאָך בנינים, וועגן דעם וצדקה תהי' לנו.

בעט מען זייער די עסקנים זאָלן ווייטער באַאַרבעטן דעם עולם, און מ'בעט דעם עולם אַז מ'זאָל אנקעגנקומען, על כן אנכי מצוך לאמר, מ'זאָל וואַרעם זיך אָנרופן און גרינג מאַכן פאַר די עסקנים וואָס גייען אַרום נעמען דאָס געלט, ובשכר זה זאָל דער אויבערשטער העלפן, מ'זאָל מיר אַלע זוכה זיין צו בנים ובני בנים זרע ברך ה', זיי זאָלן מגודל ווערן אין רבי'נס מוסדות, און וואַקסן לשם ולתפארת, און מיר זאָלן אַלע אינאיינעם זוכה זיין צו ביאת משיח צדקינו, ומלכינו בראשינו אמן.

# פרישע אויסברייטונגען אין די מוסדות ברענגט ברייטערע שטיצע צום דינער השנתי כ"א כסלו

פארזעצונג פון זייט א

האט זיך ב"ה אנגעהויבן מיטן אומגלויבליכן ציפער פון פולע 28 נוירסערי און קינדערגארטן קלאסן בלי עין הרע, וואו די לעכטיגע דרדקי תלמידים לערנען מיט חיות דקדושה די הייליגע אותיות פון א' ב', די פרשה, אמן יהא שמי' רבה, א.א.וו. – און דער צאל פון כיתות שטייגט נאטורליך אין לויף פונעם יאר מיט יעדן פארבייגייענדן חודש ווען פרישע קינדערלעך ווערן פאסיג צו קומען אין חדר. נאכאמאל, בלי עין הרע!

דער גרויסער וואוקס פון די כיתות האט אויך צוגעברענגט אז היי-יאר האט מען געמאכט א פרישן "יחץ"... נאך עטליכע יאר וואס ס'האט זיך ארויסגעשטעלט די געוואלדיגע הצלחה פון צוטיילן די עלטערע קלאסן, ווען יעדער מנהל האט מער השגחה און אחריות אויף זיינע תלמידים, האט מען יעצט מעלה געווען בקודש מיט צוטיילן אויך די אינגערע קלאסן פון כיתות א' ב' און ג', אונטער די הדרכה פון א נייעם מנהל רוחני, הרב מרדכי ארי' שפיצער שליט"א, וועלכער איז גאר א בארימטער מחנך פאר לאנגע יארן, און זיין עקספערטיז האט אריינגעברענגט א דערפרישונג אין חדר צו קענען באגלייטן יעדן תלמיד מיט די פולסע אויפמערקזאמקייט.

אין די עלטערע כיתות האט מען מוסיף געווען מן הקודש אל הקודש, ווען מ'האט צוליב דעם וואוקס פון תלמידים אין די עלטערע קלאסן, אויפגענומען א פרישע צאל פון עטליכע אויסגערופענע און בארימטע מרביצי תורה צו דינען אלס מלמדים אין ת"ת, דאס איז אין צוגאב צו די מחנכים מופלגים מיט וואס אונזערע מוסדות זענען ברייט בארימט, וועלכע לייגן אריין אומגלויבליכע כוחות צו די פולסטע הצלחה פון יעדעס קינד.

**אין די עלטערע כיתות האט מען מוסיף געווען מן הקודש אל הקודש, ווען מ'האט צוליב דעם וואוקס פון תלמידים אין די עלטערע קלאסן, אויפגענומען א פרישע צאל פון עטליכע אויסגערופענע און בארימטע מרביצי תורה צו דינען אלס מלמדים אין ת"ת, דאס איז אין צוגאב צו די מחנכים מופלגים מיט וואס אונזערע מוסדות זענען ברייט בארימט, וועלכע לייגן אריין אומגלויבליכע כוחות צו די פולסטע הצלחה פון יעדעס קינד.**

דער וואוקס פון פרישע כיתות, האט געברענגט אז מ'האט געמוזט אוועקנעמען די בתי מדרשים און עס זאלן פון די העכער שטאקן אין בנין התלמוד תורה הענקי אויף ווייט עוו. און דאס פארבויען פאר כיתות, האט מען דעריבער אנאקסירט דעם אונטערשטן שטאק (בעיסמענט) פונעם בנין הת"ת, און צווישן אנדערע רענאוואציעס דעם לעצטן זומער, האט מען דארט צוגעשטעלט א שפאגל נייער לעכטיגער היכל בית המדרש פאר די כיתות אינעם ברענטש פונעם מנהל הרב יואל שטערן שליט"א, וואו די קינדער דאווענען מדי יום ביומו מיט גרויס ווארימקייט, ווי אויך א נייער עס זאל וואו עס ווערן סערווירט די נארהאפטיגע מאלצייטן.



אויך אינעם בנין בית רחל "בנין ריספלער" האט מען גאר אסאך צוגעלייגט מיט די פרישע רענאוואציעס פארן געברויך פון די תלמידות וואו זיי ווערן נתחנך לצניעות ומדות טובות בדרך ישראל סבא.

צו די זייט קומט אויך צו געוואלדיגע הוצאות וואס איז געווארן אריינגעלייגט דעם לעצטן זומער, ווען דער גאנצער מעכטיגער בנין התלמוד תורה האט באקומען א שפאגל נייער אויסקוק; ווי נאר מ'טרעט איבער דעם שוועל פון דעם מעכטיגן בנין, דערקענט מען א שפאגל-נייעם אויסקוק פון די מעכטיגע רענאוואציעס וואס די הנהלת המוסדות האבן אריינגעלייגט דעם פארגאנגענעם זומער, מיט פרישע קלאסן און בתי מדרשים, אלעס איז פריש און לעכטיג, וואס ברענגט דעם ריכטיגן הרחבת הדעת צו קענען שטייגן בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

ווי דערדריקנד איז אבער צו הערן פונעם אדמינסטראטיוון אפיס אז די מעכטיגע רענאוואציעס פון פארגאנגענעם זומער, וואו מ'האט אריינגעלייגט העכער צוויי-און-א-האלב-מיליאן דאללער אין די בנינים, האט געברענגט אז דער היי יעריגער בודזשעט באטרעפט א רעקארד פון העכער פינף-און-צוואנציג-מיליאן דאללער.

פון די אנדערע זייט הערט מען נאך נישט-גוטע נייעס, אז אין די שטאטישע "וואוטשער פראגראמען" וואס האט געגעבן א שטיקל הרחבה אין די ווירטשאפט, איז אנטשטאנען דראסטישע רעדוקציעס, וואס באדייט אז א גרויסע הכנסה פון די מוסדות איז געקומען צו א האסטיגן אפשטעל, און מ'ווייסט נישט פון וואו מ'וועט דעקן דעם חלל.

דעריבער איז די הנהלת המוסדות קריטיש אנגעוויזן היי-יאר ספעציעל אויף גאר גרויסע נדבות פונעם היימישן ציבור, און די הנהלת המוסדות קוקט ארויס בכליון עינים אז יעדער יחיד זאל זיך אנשליסן אין די זכותים פון "זכות המוסד" און "חד יומא", און דערמיט אפקויפן

פארזעצונג אויף זייט י

מבצר תורה ויראה • בנין ישעי' זאב לעוו

דער גרעסטער

# תורה פעסטונג

אין אונזער שטאט!

## בכמות

דער מבצר התורה ויראה בנין ישעי' זאב לעוו וואס פארמאגט

**110 קלאס צימערן מיט העכער 3000 תלמידים כ"י**

און איז הערליך איבערגעפרישט געווארן מבית ומבחוץ, שטייט מאיעסטעטיש אין צענטער פון אונזער שטאָט וויליאַמסבורג יע"א

## באיכות

דער קול תורה וואס קומט אַרויס פון דעם בנין הילעכט אָפּ איבער די גאַנצע שטאָט.

**דער חינוך וואס ווערט אריינגעלייגט אין די תלמידים איז דער בעסטער מוסטער פאר אנדערע מוסדות.**

**שאו ידיכם קודש להחזקת המבצר האדיר!**




סעודת הודאה • סיום מס' פסחים

דינער השנתי

כ"א כסלו

במקהלות רבבות אלפי ישראל

# מוצש"ק וישב • כ"א כסלו

YG | gcnymarketing.com

# פרישע אויסברייטונגען אין די מוסדות ברענגט ברייטערע שטיצע צום דינער השנתי כ״א כסלו

◀◀ פארזעצונג פון זייט ח

די אומגלויבליכע זכותים אדירים אין הרבצת התורה והחינוך פון אזויפיל אלפי תלמידים ותלמידות כ״י, און האבן א חלק אין החזקת התורה מיט אלע געוואלדיגע זכותים, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, וואס קומט אויך באגלייט מיט די די הייליגע הבטחה וואס דער מייסד המוסדות מרן רבינו הק׳ זי״ע האט אנגעווינטשן בלשון קדשו: ״ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות וועל איך קיינמאל נישט שולדיג בלייבן״.

*

צו די זעלבע צייט גרייט מען זיך שוין בהתרגשות דקדושה צום גרויסן כינוס הודאה רבתי כ״א כסלו, די 67׳סטע יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו קודש הקדשים בעל דברי יואל מסאטמאר זי״ע, וואס געפאלט היי-יאר מוצאי שב״ק פר׳ וישב, און וועט בעז״ה זיין קאמבאנירט אינאיינעם מיט שמחת קהלינו, דער סיום מס׳ פסחים אין די ״חבורת יסודי התורה״ וואס ווערט געלערנט דורך אלפי תלמידי וחסידי סאטמאר בכל קצוי תבל.

כמדי שנה בשנה אין אזא צייט, רישט מען זיך מען אין גאר פיבערהאפטיגע צוגרייטונגען צום גרויסארטיגן מעמד גדול ונשגב, מיט די מאסן השתתפות פון רבבות אלפי ישראל, חסידים ואנשי מעשה זקנים עם נערים, בראשות גדולי תורה והוראה הרבנים הגאוה״צ שליט״א, ועל צבאם כ״ק מרן הגה״ק מסאטמאר שליט״א, ווען עס קומען זיך צונויף אלפים ורבבות מישראל צו לויבן השי״ת אויף די גרויסע חסדים בימים ההם מיט די הצלה פון מרן רבינו הק׳ זי״ע מיט זיבן און זעכציג יאר צוריק, און אויף די חסדים בזמן הזה ווען מ׳איז זוכה צום זעקסטן יאר נאך די החזרת העטרה ליושנה אין די הייליגע סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג, און מ׳זעט ווי דער כח הקדושה שטייגט אויף אזא מעכטיגן פארנעם, מיט א פיל-פאכיגן צאל בכמות, וואס קלאפט שוין היינט העכער זעקס טויזנט תלמידים ותלמידות כ״י בליעה״ר.

באזונדער האט די הנהלת המוסדות גענומען אויף א ספעציעלע מיסיע צוצושטעלן אויף היי-יאר א גאר ריזיגן פלאץ פארן גרויסן מעמד, נאכדעם וואס ס׳האט זיך ארויסגעשטעלט פארגאנגענעם יאר תשע״א אז דער ״פולאסקי פארט קאמפלעקס״ – כאטש זי איז געווען ממש ׳גיגאנטיש׳ און ריזיג אין פלאץ מיט טויזנטער בענקלעך – איז געווען ממש צר מהכיל! דער אומגלויבליכער אנקומענדער ציבור האט פשוט נישט געהאט וואו זיך אנידערצוזעצן; דער מעכטיגער זאל איז געווען איבערגעפילט מן הקצה אל הקצה פון רבבות אלפי ישראל, און ס׳איז אויסער יעדן צווייפל אז מ׳מוז זיין מוסיף והולך, אפירצוזוכן א פיל גרעסערן לאקאל צום היי-יעריגן מעמד וכינוס רבתי.

אין די פארגאנגענע וואכן האט די הנהלת המוסדות פון וויליאמסבורג אריינגעלייגט געוואלדיגע כוחות צו טרעפן א פאסיג ארט פאר דעם געהויבענעם ליל ההודאה און יערליכער דינער, צו קענען אקאמאדירן די טויזנטער אידן הנאספים לפונדק אחד. אין די גאר נאענטע טעג האפט מען צו מעלדן דעם ציבור איבער א מעכטיגן פלאץ פארן היי יעריגן כינוס הודאה כ״א כסלו, וואס וועט זיין צוגענגליך און גאר לייכט אנצוקומען, בעז״ה, און גאר ברייט און באקוועם צוגעשטעלט פאר די צענדליגער טויזנטער ערווארטעטע חסידים ואנשי מעשה פון איבער גרעיטער ניו יארק.

ווי געווענליך אנטשפרעכט דער היי-יעריגער כינוס רבתי צו דינען אלס קוואל פון חיזוק ועידוד לתפארת עדת רבבות חסידי סאטמאר און די הונדערטער רבנים וראשי ישיבה שליט״א וועלכע ווערן ערווארטעט צום מעמד רבתי, און וועט געוויס מרומם זיין כבודו הקדוש פונעם בעל הנס, מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע, ווען אלפי רבבות פון תלמידיו וחסידיו קומען זיך צונויף מיט איין מטרה, צו מחזק זיין דעם מבצר התורה והיראה וואס ווערט געפירט לויט די הייליגע דרכים און השקפות וואס ער האט איינגעפלאנצט און איבערגעלאזט בירושת רוחניות, און הערן דעם דבר ה׳ ברמה מפום ממלל רברבן, ממלא מקומו וממשיך דרכו בקודש הוד כ״ק מרן הגה״ק מסאטמאר שליט״א.

אכסניא של תורה.

**עס קומען זיך צונויף אלפים ורבבות מישראל צו לויבן השי״ת אויף די גרויסע חסדים בימים ההם מיט די הצלה פון מרן רבינו הק׳ זי״ע מיט זיבן און זעכציג יאר צוריק, און אויף די חסדים בזמן הזה ווען מ׳איז זוכה צום זעקסטן יאר נאך די החזרת העטרה ליושנה אין די הייליגע סאטמארער מוסדות אין וויליאמסבורג, און מ׳זעט ווי דער כח הקדושה שטייגט אויף אזא מעכטיגן פארנעם, מיט א פיל-פאכיגן צאל בכמות, וואס קלאפט שוין היינט העכער זעקס טויזנט תלמידים ותלמידות כ״י בליעה״ר**



# תוכן הדרשה

וואָס זענען געהערט געוואָרן

**במשך שבת קודש פרשת לך לך העעל"ט**

אַלס הכנה צו די צענטראַלע אַקציע להחזקת מוסדותינו הק'



פאַרזעצונג פון זייט ה

דאָס זעלבע לענינינו. ווען מ'איז זוכה ב"ה צו זען די פּירות פון די האָראָוואַניע וואָס מ'האָט שוין אַריינגעלייגט ביז איצט אַהערצושטעלן מוסדות מרישא ועד גמירא, ס'איז ממש למעלה מדרך הטבע, דאַרפן מיר מיטפילן די זכי' צו האָבן א חלק דערין, און טאַקע באַצאָלן דערפאַר כפשוטו בעין יפה.

מ'דערציילט נאָך א מעשה פון א זידיטשובער חסיד וואָס איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי

## ס'איז ממש למעלה מדרך הטבע, דאַרפן מיר מיטפילן די זכי' צו האָבן א חלק דערין, און טאַקע באַצאָלן דערפאַר כפשוטו בעין יפה

הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע. האָט ער זיך אָנגערופן צו רבי ישעי'עלע, אַז ער קען אויסלערנען דעם רבי'ן ליינען א קוויטל. האָט ער דערציילט אַז זיין רבי פון זידיטשוב, האָט אים אויסגעלערנט ווי אַזוי מ'קען ביים ליינען א קוויטל, מאַכן דעם איד פאַר א "קומה שלימה". זאָגט ער, ווי אַזוי מאַכט מען אים פאַר א קומה שלימה? זאָגט ער, מ'טוט אַזוי.

ס'קומט אַריין א איד אין שטוב פארמאטערטערהייט און צובראָכן, מ'רופט אים אַריין, מ'געט אים א קאַווע, מ'שמועסט מיט אים אַביסל, אַז ס'פעלט אויס געט מען אים א געלעגער וואו זיך אנצולעגען, דערצו געט מען אים א שיינע מטבע מיט א ברכה, דאַן גייט דער איד אַרויס אַזוי גוטמוטיג און צופרידן, אַז מ'האָט אים געמאַכט פאַר א "קומה שלימה"...

מיט דעם פאַרשטייט מען דעם פּסוק "ואת הנפש אשר עשו בחרן". אַז אברהם האָט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת




אורחים, ער האָט געמאַכט די מענטשן פאַר א קומה שלימה מיט'ן זיי דערפרייען.

לענינינו, מ'האַלט איצט ביים מאָמענט פון "השלוחים יוצאים" די געטרייע שלוחים פון די חברי הנהלה הייבן אָן אַרומצוגיין צום ציבור אויפצואַרבעטן די נתינות לטובת די הייליגע מוסדות. איז נישט מער ווי רעכט אַז מ'זאָל זיי אויפצונעמען בסבר פּנים יפות, מ'דאַרף זיי אַריינגעמען אין שטוב בדרך כבוד, און זיי דערפרייען מיט שיינע סכומים. מ'מיינט דאָך נאָר דעם תכלית פון אונזערע קינדער, זיי זאָלן אויסוואַקסן לשם בדרך הישר והטוב.

און אַז מיר וועלן טון וואָס מיר דאַרפן וועט השי"ת העלפן אַז מיר זאָלן זוכה זיין מגדל צו זיין נטעי נאמנים, ובזכות זה וועלן מיר זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלימה.



# שאו ידיכם קודש

ישיבה תורה ויראה דסאטמאר

## זכות המוסד

נגידים בעם שליסט זיך אן אינעם מפעל

דורך דעם וואס איר שליסט אייך אן אין די "זכות המוסד" האט איר א שותפות און באקומט די זכות פון די פעולות נשגבות פונעם גאנצע מוסד!

**פרנס השנה** $100,000

**פרנס החודש** $26,000

**פרנס היום** $5,000

במשך די צייט וואס איר קויפט אפ וועלן "אלע" תלמידים פון די תלמוד תורה אין די בית רחל מקדיש זיין זייער לערנען און דאווענען לזכות הנדבן!

נעמט אויף די
**עסקנים**
בסבר פנים יפות,
און קויפט זיך
איין אייביגע
זכותים

## חד יומא

תומכי ומחזיקי מוסדותינו שליסט זיך אן אינעם מפעל

**כתה מכינה לבר מצוה** – בן י"ג למצוות – $1,800

**כתות ד' ה' ו' ז' ח'** – מפי עוללים ויונקים – $1,200

**כתות א' ב' ג'** – הבל פיהם של תשב"ר – $800

**נוירסערי-קינדערגארטן** – צאן קדשים – $800

די קינדער פון דעם אפטיילונג וועלן מקדיש זיין זייערע לימודים ותפלות במשך דעם טאג לזכות הנדבן!



חד יומא
קאמפיין
שע"י ישיבה תורה ויראה מסאטמאר

זכות המוסד